NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13357

BERELE UN PERELE

Josif Ravin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ראזענ'ס

אילוסטרירטע קינדער-ביבליאטעק

№ 8.

קינדער-טעאטער [illegible]

י. ראווין.

בערעלע און פערעלע

א פיעסע אין פערזן
פאר קליינע קינדער

[illegible]

:: פארלאג ::
„פאר אונזער קליינוארג"
לאדז — 1921

113

ראווינ'ס

אילוסטרירטע קינדער ביבליאטעק

№ 8.

קינדער־טעאטער № 3

י. ראווין.

בערעלע און פערעלע

א פיעסע אין פערזן

פאר קליינע קינדער

:: פארלאג ::

„פאר אונזער קליינװארג"

ראדי 1921

ארכיוו [illegible]

דאָס ליין בוך מיין: ....

J. Rawin.

BEREŁE i PEREŁE

Komedyjka dla dzieci.

Tłocznia „KULTURA" Łódź, Cegielniana 10.

פערזאָנען:

פאָטער.

מוטער.

בערעלע.	10 יאָר	זייערע קינדער
פערעלע.	9 "	

מכשפה.

1 אַקט.

1 סצענע: (אין האלטערס שטוב. די קינדער זיצן אויף זייער געלעגער א צוגעדעקטער שטרויזאק)

פערעלע: אי, עס הונגערט מיך א גרויל,
ניט געהאט נאָך היינט אין מויל
וואָס א האָר איז ווערט..

בערעלע: איך אויך...

פערעלע: ווייסט, עס שניידט אזוי אין בויך!

בערעלע: ס'איז פאַר הונגער, ס'וועט פאַרגיין;
וואַרט נאָר צו, איך וועל גלייך זען—
אפשר ליגט אין שאפע וואָס? (זוכט)

פערעלע: מילך הלוואי!...

בערעלע: א ליידיק גלאָז.

פערעלע: כאָטש א שטיקל ברויט!

בערעלע: ניטאָ.
(פלוצים) אך, וואָס רעד איך...יאָ, ס'איז דא!...
ניט באמערקט גאָר..

פערעלע: גיב אַהער!

בערעלע: אָט דאָס ברעקעלע, ניט מער.
נעם עס צו און עס געזונט.

פערעלע: ניין, מיין ברודערל, מיר קומט
בלויז איין העלפט, דאס רעשט נעמסטו.

בערעלע: כ׳בין ניט הונגעריק ווי דו.

פערעלע: ניין, איך גלייב ניט ס׳קען ניט זיין...

בערעלע: ווילסטו דוקא, גיי איך איין. (עסן)

פערעלע: מיינסט, דעם הונגער שוין געשטילט?
וואו, נאָך שטארקער אים דערפילט!
פארטראכט זיך ווייסט, איך וואָלט אַגוטע זאַך
יעצט געגעסן... און אַ סך...

בערעלע: וואָס אַ שטייגער?

פערעלע: טרעף אַליין.

בערעלע: הערינג מיט קאַרטאָפל?

פערעלע: ניין.

בערעלע: ברויט מיט פוטער? — נאָך ניט דאָס?..
לעקאַך?.. אויך ניט — זאָג שוין וואָס?!

פערעלע: פוטערקוכן, ווייך און געל!
כ׳ליב עס שטאַרק, עס עסט זיך שנעל!
דוד׳ל האָט מיר דערציילט,
אַז אין שטאָט דאָס קיינמאָל פעלט.
דאָרטן, זאָגט ער, אַלץ איז דאָ!
און ביי אונז ז׳קיין ברויט ניטאָ...

בערעלע: חאַרס, דער טאַטע קומט צוריק,
ברענגט ער קוכן אונז אַ שטיק,
מילך דערצו פון אונמער קו...
און דערווייל איך זינג דיר צו:

פערעלע, פערעלע,   ברענגט די מאַמע
פי, פי, פי,   צי דעם ביר
וואו ז'דער טאַטע?   פוטערקוכן
דאָ ניט הי.   אָן אַ שיעור—
וואו ז'די מאַמע?   ווער וועט עסן?
אויך ניט הי.   איך מיט דיר.
וואו געפאָרן?   טאַטע, מאַמע —
חיים קיין רי.   זאלבאפיר,
ברענגט דער טאַטע   ויידע, באָבע—
ווין און ביר—   זאלבאזועקס
ווער וועט טרינקען?   עסן אַלע
איך מיט דיר;   פון געבעקס

טראַ—לאַ—לא
פריילאַך וועט אונז זיין,
טראַ—לאַ—לא
ביז אין טאָג אריין.

פערעלע: טאָמער ברענגט דער טאַטע ניט?

בערעלע: נעם איך דיך אין וואַלד דאַן מיט
יאַגדעס קלייבן — ווילסט איאָ?
פערעלע: יאָ, און וועלכע ז׳דאָרטן דאָ?
בערעלע: וועלכע? וועלכע אונז נאָר גלוסט —
אויף דער ערד, אויף יעדן קוסט,
וואו דו גיסט זיך ניט אַ קער,
זעסטו זיי אַלץ מער און מער:
רויט ווי בלוט און שוואַרץ ווי קויל,
רייס נאָר, רייס און... האַם אין מויל!
פערעלע: בערעלע, כאָטש איינע גיב,
יאַגדעס האָב איך זייער ליב.
(פלוצים) אי, דער הונגער קוועלט אַ שרעק!
בערעלע: באַלד מיר טרייבן אים אַוועק.
וואַרט נאָך צו איין אויגנבליק
אָט די מאַטע קומט צוריק...
פערעלע: און דער טאַטע?
בערעלע: אויך מיט איר.
ברענגען זיי פאַר דיר און מיר
וואָס צום קייען — שא. איך הער
זייער שטים שוין גיין אַהער.
זעסט שוין נאָהנט... (שרייען)
ביידע: גיכער קומט!

2 סצענע. (מאמע קומט אריין, די קינדער לויפן אנטקעגן)

קינדער: טאַטעשי, מאַמעשי!
מוטער: זענט איר, קינדערלאַך, געזונט?
קינדער: יאָ, און עסן אונז געבראַכט?
מוטער: ניין, עס האָט זיך ניט געמאַכט
ניט קיין אַרבעט, ניט קיין געלט.
בערעלע: אי, ווי שטאַרק דער הונגער קוועלט!
פערעלע: מאַמעשי, גיב עסן מיר...
מוטער: פערעלע, איך זאָג דאָך דיר,
כ'האָב קיין סימן ניט פון ברויט.
(פערעלע צעוויינט זיך)
(צום פאָטער) אונזערע קינדערלאַך די נויט
פילען גוט — אַ גאַנצן טאָג
הונגערן זיי — וואָס טוט מען, זאָג?
פאָטער: שלאָפן גיין און טאַקי באַלד.
בערעלע: לאָז מיך, מאַמעשי, אין וואַלד.
מוטער: יעצט... נאָך וואָס? עס איז שוין שפּעט,
דאָס געלעגערל פאַרבעט
און איר זאָגט...
קינדער: אַ גוטע נאַכט.
מוטער: שלאָפט-זשע, קינדערלאַך באַוואַכט.

מאָרגן מיט באַגינען גלייך
פוטערקוכן ברענג איך אייך.
פוטערקוכן ווייך און געל...
גוטע נאַכט און שלאָפט איין שנעל.

3 סצענע.

פערעלע: (דורך גייען) ס'וויל דער הונגער ניט פאַרגיין.
בערעלע: נו, נו, פערעלע, ניט וויין
ווישׁ די טרערעלאַך זיך אויס,
און אין וואַלד מיט מיר אַרויס.
פערעלע: ס'איז דאָך פינסטער...
בערעלע: איך גיי מיט!
פערעלע: און פון חיות ווער אונז היט?
בערעלע: האָב קיין מורא ניט פאַר זיי,
איך פאַרטרייב זיי איינס און צוויי.
פערעלע: ווער וועט ווייזן אונז דעם וועג,
טאָמער בלאָנזשען מיר אַוועק?
בערעלע: דער לבנה'ס העלע שיין
ווייזט דעם וועג אונז אויס און איין.
אויפן הימל, אויף שפּאַציר
גייט זי באַלד, דאַן גייען מיר,
ס'וועט שוין גוט זיין—ניט געטראַכט,

שלאָפן יעצט—אַ גוטע נאַכט.

פערעלע: (נאָך א קורצן שטילשווייגן:)
בערעלע, דו שלאָפסט?

בערעלע: נאָך ניט.

פערעלע: קריגלאַך צוויי מיר נעמען מיט—
איינעם פול מיט יאַגדעס פריש,
שטעל איך אויף דער מאַמעס טיש.
זאָל זי אויך דערקוויקן ס׳האַרץ
מיט די יאַגדעס רויט און שוואַרץ.

בערעלע: וועט זי טראַכטן: ווער געבראַכט
האָט עס פלוצים ביידערנאַכט?

פערעלע: זי וועט זיכער פרייען זיך.

בערעלע: יאָ... יעצט שלאָף, באַלד וועק איך דיך.
(נעמען זיך פעסט ארום און שלאָפן איין.)

2 אַקט.

(אין וואלד, ביידע קינדער שלאָפן)

בערעלע: (וואכט אויף) זאָל עס גרויסער טאָג שוין זיין?
דאכט זיך, ערשט מיר שלאָפן איין...
ווי די זון מיט שטראַלן שיט.

שלאָפסט נאָך פּערעלע?

פּערעלע: (הויבט אויף דעם קאָפּ): שוין ניט.
בערעלע, איך וויל אַהיים!

בערעלע: וואַרט, דעם וועג נאָר לאָז איך זען.

פּערעלע: (אליין): אַ מעת לעת איז שוין אַוועק,
ווי צוריק אַהיים דעם וועג,
זוכן מיר און אַלץ ניט דער.

בערעלע: (שרייט): גיכער, פּערעלע, אַהער!
כ'האָב געפונען וואָס אַ שיינס...

פּערעלע: וואָס?

בערעלע: אַ שטיבעלע אַ קליינס,
איז דאָס שטיבעלע געבויט
בלויז פון לעקאָך ברוין און רויט;
און די פענסטער—הערסט זיך איין—
בלויז פון צוקערלאַך גאָר פיין

פּערעלע: און דער אויסגעשניצטער דאַך
איז פון טערטעלאַך אַ סך.

בערעלע: כ'פּרוב אַ שטיקל, צי געשמאַק,
אַ מחיה... נעם און פּאַק.

פּערעלע: אויך אַ צוקערל דערלאַנג
און אַ טערטל פאַר איין גאַנג.

בערעלע: דער וואָס וואוינט דאָ מוז זיין רייך.

2 סצענע. (ס׳באווייזט זיך פלוצים די מכשפה.)

מכשפה: קינדערלאַך, גוט מאָרגן אייך.
קומט נאָר, ליבינקע, צו מיר.

קומט נאָר, ליבינקע, צו מיר.

פערעלע: אָ, איך שרעק זיך שטאַרק פאַר איר.

בערעלע: שרעקט זיך ניט [illegible]

ווער ביזטו, זאָג?

מכשפה: כ'בין א באָבע אין פאַרטאָג:
גוטע יאָרן אָן א שיעור.
רייך בין איך — נו, קומט צו מיר.

בערעלע: איז דאָס הייזעלע איז דיין?

מכשפה: יאָ, דאָס הייזעלע איז מיין.

פערעלע: דאָך איך שרעק זיך... קום צוריק...
זע נאָר, בערעלע, איך בלייך!

בערעלע: יאָ, די אויגן זיי פון גלאָז.

פערעלע: זע נאָר ס'אַרא גרויסע נאָז
און דער הויקער. קום אַהיים!

מכשפה: וואָס, איר שרעקט זיך? אָ, ניט שיין!
כ'האָב דאָך קינדער זייער ליב.
וואָס זיי בעטן נאָר — איך גיב.

בערעלע: און דיין ברויט פאַרוואָס איז קאַלט?

מכשפה: ווייל איך בין שוין, קינדער, אַלט.

פערעלע: און דיין האַנט איז האַרט און דאַר.

מכשפה: איבער אַלטקייט — אַלץ דערפאַר.
כ'בין ניט שרעקלאך ווי איר מיינט.
שפעטער ווערט איר צוגעוויינט.
דרייסטער, נו.. אַהערצו גייט.

פּוּל מיט גוטס מיין טיש איז גרייט.
...סט און טרינקט — דאַן שלאָפט איר איין.
אָט אַזוי... אריין... אריין.
(שטופּט פּערעלען אריין
פּערעלע אָבער שפּאַרט זיך איין)

פּערעלע: כ'האָב דאָך מורא. לאָז מיך אָפּ.

מכשפה: נו, פאַרדריי מיר ניט דעם קאָפּ.
כ'פרעג שוין מער ניט יאָ צו ניין
און צו מיר יעצט מוזטו גיין.
(שטופּט זי אריין אין פּאַרקאַרט און מאַכט זיך די טיר)

3 אַקט.

(אין דער מכשפה'ס שטיבל. פּערעלע אין שטייגל)

מכשפה: ווייז דיין פינגערל — נאָך דאַר,
ווערט ניט פעט — ס'ווייזט אויס פאַר צער.
נו, אַ סוף — גענוג געוואַרט,
כ'האָב אין חשבון זיך גענאַרט.
כ'קאָך דיך באַלד אין גרויסן טאָפּ
און דיין שוועסטער בראָט איך אָפּ.
(שרייט) קום נאָר כעכטערל, אַהער!

פּערעלע: ווילסט וואָס, באָבעשי, איך הער!

בערעלע: (שטילער) היט זיך, פערעלע, פאר איר.
טויטן וויל זי מיך מיט דיר.

פערעלע: בערעלע, וואס זאל מען טאן
כ׳וועל זיך היטן ווי איך קאן:

מכשפה: (צו פערעלע) האסטו פייער שוין געמאכט?
האסטו וואסער אויך געבראכט?

פערעלע: אלץ אין ארדנונג.

מכשפה: נו, איז גוט.
יעצט מיין מיידעלע וואס טוט?
(פירט זי צו צום אויוון בײַ וועלכן ס׳ליגט א ראפעטע)
אט א דא די לייג זיך צו.

פערעלע: יעצט, אין מיטן טאג דערצו,
האב איך, באבעשי, א בעט.

מכשפה: כ׳כאפ א פרוב בלויז...

פערעלע: אויף א ברעט
ווי צו ליגן, מיינסטו, איך ווייס?

מכשפה: (שוין אין כעס)
אויך א קונץ! נו, גיכער... כ׳הייס!
קענסט ניט לייגן זיך — א נייס!..

פערעלע: איינמאל, באבעשי, באווייז
ווי מע האלט די פיס, די הענט.
(צו זיך) לאמיר זען ווער ס׳ווערט פארברענט.

מכשפה: נו, איך ווייז דיר, קוק זיך איין.
(לייגט זיך אויף ברעט)

אויסגעצויגן דאַרף מען זיין.

פערעלע: און די הענט?

מכשפה: איך יעדן קאַנט.

פערעלע: און די פיס?

מכשפה: פאַרלייגט בײַנאַנד.
נו פאַרשטייסט?

פערעלע: [illegible], ווי דען.
יעצט דערוועסטו ווי אַך קען
איינס, צוויי, דריי, אַריין (שטופט זי אַריין)

מכשפה: (שרייט) אַי, אַי

פערעלע: [illegible]עכער ש[illegible] מיר זענען פריי.
(נאָכדעם [illegible])

בערעלע פערעלע [illegible]

פאָרהאַנג.

פאַרלאַג
„פאַר אונזער קליינוואַרג".

[illegible]

שוין ערשינען:

1 [illegible] א פּיעסע
פאַר [illegible] קינדער.

2 [illegible] פאַר די [illegible]
[illegible] אין [illegible].

4 [illegible] מגלת אסתר אין פערזן
[illegible]

5 [illegible]
[illegible]
[illegible]

7 [illegible] א פּיעסע
[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]

[illegible]

[illegible]
[illegible] Pawia 85

[illegible]

צענטראַלע שול אָרגאַניזאַציע אין ווילנע.